בס"ד

# דעם רבינ'ס ליכט



אַייעֶרע קִינְדֶער זָאלְט אִיר מוֹדִיעַ זַיין
וָואס דָא הָאט זִיךְ גִיטָאן (שיהר"ן ר"ט)

וירא תשפ"ב
גליון 64

## דער ריינער קוואל

**אַ גוּטְן שַׁבָּת פַאר אַלֶע לֶעכְטִיגֶע קִינְדֶער.**

מִיר שְׁטֵייעֶן אִין גָאר אַ דֶערְהוֹיבֶּענֶע צַייט, דִי צַייט וָואס דִי תּוֹרָה פַּארְצֵיילְט וְויאַזוֹי מִיר זֶענֶען גֶעוָוארְן דֶער אוֹיסְגֶעקְלִיבֶּענֶער פָאלְק, וָואס שְׁטַאמֶען פוּן אַזֶעלְכֶע גְרוֹיסֶע זֵיידֶעס וָואס הָאבְּן זִיךְ אִינְגַאנְצְן אַוֶעקְגֶעגֶעבְּן זֵייעֶר לֶעבְּן נָאר פַאר אֵיין זַאךְ, צוּ מְפַרְסֵם זַיין דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְנְ'ס נָאמֶען אוֹיף דֶער גַאנְצֶער וֶועלְט.

דִי תּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה דֶערְצֵיילְט אוּנְז פַארְוָואס דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַזוֹי לִיבּ גֶעהַאט אַבְרָהָם אָבִינוּ. אִין דִי פַּרְשָׁה שְׁטֵייט: "וְאַבְרָהָם הָיוֹ יִהְיֶה לְגוֹי.. כִּי יְדַעְתִּיו לְמַעַן אֲשֶׁר יְצַוֶּה אֶת בָּנָיו וְאֶת בֵּיתוֹ אַחֲרָיו וְשָׁמְרוּ דֶּרֶךְ ה' לַעֲשׂוֹת צְדָקָה וּמִשְׁפָּט" זָאגְט רַשִׁ"י הַקָדוֹשׁ אוֹיפְן פְּלַאץ: אִיךְ הָאבּ אִים זֵייעֶר שְׁטַארְק לִיבּ וַוייל עֶר בַּאפֶעלְט זֵייעֶר קִינְדֶער: "הִיט




אוּן גֵייט אוֹיף דִי וֶועגְן פוּן תּוֹרָה אוּן מִצְוֹות". פַאר אַבְרָהָם אָבִינוּ אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען אַזוֹי גְרִינְג צוּ גֵיין אִין דִי וֶועגְן פוּן תּוֹרָה אוּן מִצְוֹות, עֶר אִיז אַרִיבֶּער שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת בִּיז עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ זַיין מַדְרֵגָה.

טַייעֶרֶע קִינְדֶער מֶען דַארְף וִויסְן אַז דִי תּוֹרָה אִיז נִישְׁט סְתַּם פְּרָאסְטֶע מַעֲשִׂיּוֹת מִיט גֶעשִׁיכְטֶעס, תּוֹרָה אִיז פוּן לָשׁוֹן הוֹרָאָה - סְ'אִיז אַ וֶועג פַאר יֶעדְן אִיד אִין יֶעדְן מַצָּב אוּן עֶלְטֶער וְויאַזוֹי צוּ דִינֶען דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז אוֹיס (תּוֹרָה מ"ח חלק ב') אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וִויל דִינֶען דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן, דַארְף עֶר וִויסְן אַז עֶס דַארְף אוֹיף אִים אַרִיבֶּער גֵיין אַסַאךְ נִסְיוֹנוֹת, עֶס דַאכְט זִיךְ פַארְן מֶענְטְשׁ אַז מֶען וִויל אִים דֶערְוַוייטֶערְן פוּן הִימְל, מֶען וִויל אִים נִישְׁט אַרַיינְלָאזְן צוּ דִינֶען דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן, דִי אַלֶע בִּלְבּוּלִים אוּן שְׁוֶועריַקַייטְן אוּן נִסְיוֹנוֹת וָואס אַ אִינְגְל הָאט, צוּ דָאס אִיז אִין חֵדֶר, וֶוען קִינְדֶער מַאכְן "חוֹזֶק" פוּן אִים, אָדֶער הָאט עֶר חֲלִישׁוּת הַדַּעַת אוּן פַאלְט אַרָאפּ בַּיי זִיךְ אַלֵיין, וַוייל עֶר הָאט שׁוֹין אַזוֹיפִיל מָאל פְּרוּבִּירְט זִיךְ צוּ בַּאנֵייעֶן אוּן סְ'גֵייט אִים נִישְׁט, וַוייל דֶער יֵצֶר הָרָע אִיז נָאכְאַלְץ זַיין חַבֶר.

זָאגְט דֶער רֶבִּי אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ הַאלְטְן מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת, אוּן נִישְׁט קוּקְן אוֹיף דִי חֲלִישׁוּת הַדַּעַת אוּן קַאלְטְקַייט וָואס דֶער בַּעַל דָּבָר וִויל אִים אַרָאפְּוַוארְפְן.

מֶען דַארְף אָבֶער גוּט וִויסְן, אַז אֲפִילוּ אוֹיבּ אַ אִיד גִיט זִיךְ נָאר אַ פִּיצְקֶעלֶע רִיר אִין עֲבוֹדַת ה' אִיז דָאס זֵייעֶר חָשׁוּב בַּיים אוֹיבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַז אַלֶע אִידְן זָאלְן גֵיין אִין דִי וֶועגְן פוּן אַבְרָהָם אָבִינוּ, דִי וֶועג פוּן אֱמוּנָה אוּן קְדוּשָׁה, דִי וֶועג פוּן שְׁטֶענְדִיג בֶּעטְן דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן אֲפִילוּ אוֹיף יֶעדֶע קְלֵיינֶע זַאךְ. אוּן אִין דִי וָואכְן וֶוען מֶען לֵיינְט אִין תּוֹרָה דִי וֶועג פוּן דִי הֵיילִיגֶע אָבוֹת קֶען מֶען זִיךְ אַסַאךְ לֶערְנֶען וְויאַזוֹי צוּ דִינֶען דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי חֲזַ"ל זָאגְן "חַיָּיב כָּל אָדָם לוֹמַר מָתַי יַגִּיעוּ מַעֲשַׂי לְמַעֲשֵׂי אֲבוֹתַי" יֶעדֶער אִיד אִיז מְחֻיָּב צוּ זָאגְן, וֶוען וֶועט מַיינֶע מַעֲשִׂים אָנְקוּמֶען צוּ דִי מַעֲשִׂים פוּן דִי אָבוֹת.

דִי זְכוּת פוּן דִי אָבוֹת הַקְדוֹשִׁים וָואס מֶען דֶערְמַאנְט זֵיי דְרֵיי מָאל אַ טָאג בַּיי יֶעדְן תְּפִלָּה, זָאל אוּנְז בֵּיישְׁטֵיין אַז אַלֶע אִידְן זָאלְן גֶעהָאלְפְן וֶוערְן מִיט אַלֶעם גוּטְן, סַיי בְּרוּחָנִיּוּת אוּן סַיי בְּגַשְׁמִיּוּת אָמֵן וְאָמֵן.

# מַיין
# מַעֲשֶׂה'לֶע



**הֶערְשְׁל וָואס מַאכְסְטוּ?**

גֶעלוֹיבְּט דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער פַּאר אַלֶע חֲסָדִים.

דוּ בִּיסְט מְפַרְסֵם דֶעם רֶבִּי'נְס נָאמֶען מִיט דַיין שְׁמֵייכְל, דוּ מַאכְסְט אַ גְרוֹיסְן קִדּוּשׁ ה'.

הֶערְשְׁל דִי בִּיסְט דָאךְ נִישְׁט גֶעבּוֹירְן אַלְס אַ בְּרֶסְלֶבֶ'ער, וֶוען הָאסְטוּ דָאס עֶרְשְׁטֶע מָאל גֶעעֶפֶנְט אַ בְּרֶסְלֶבֶער סֵפֶר?

אִיךְ דַארְף זִיךְ אַבִּיסְל קְרַאצְן מַיין שְׁטֶערְן, אוּן צוּרִיק אָנְטוּן דִי שִׁיךְ פוּן חֵדֶר, אוֹיבּ אִיךְ גֶעדֶענְק גוּט אִיז עֶס גֶעוֶוען אִין כִּתָּה ח'.

לָאמִיר מַאכְן אַבִּיסְל סֵדֶר אִין קָאפּ. אִיךְ הָאבּ גֶעלֶערְנְט אִין אַ חֵדֶר פוּן נִישְׁט קַיין בְּרֶסְלֶבֶ'ע חֲסִידוּת וִוי אִיךְ הָאבּ מִיטְגֶעהַאלְטְן מִיט דִי דָארְטִיגֶע חֲסִידוּת, אִיךְ הָאבּ זִיךְ אַיינְגֶעגְלִידֶערְט דָארְט אוּן זֵייעֶר הֲנָאָה גֶעהַאט.

אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט אַ בְּרוּדֶער וָואס הָאט שׁוֹין אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ קָאסְטְן פוּן דִי אוּנְגֶערִישֶׁע וַויין - דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'נְס זִיסֶע עֵצוֹת אוּן תּוֹרוֹת, אָבֶּער צוּ מִיר הָאט עֶס נָאכְנִישְׁט גֶערֶעדְט דִי גַאנְצֶע זַאךְ פוּן בְּרֶסְלֶב. אִיךְ בִּין גֶעוֶוען זֵייעֶר צוּפְרִידְן פוּן מַיין חֵדֶר אוּן מַיינֶע חֲבֵרִים, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעוָואלְט זַיין אַנְדֶערְשׁ פוּן זֵיי, נָאר זֵיי גֶעפֶעלְן.

וֶוען עֶס אִיז גֶעקוּמֶען פֶּסַח אוּן אִיךְ הָאבּ אַרוֹיסְגֶעכַאפְּט דֶעם אֲפִיקוֹמָן פוּן מַיין בְּרוּדֶער הָאט עֶר מִיר גֶעפְרֶעגְט וָואס אִיךְ דַארְף? הָאבּ אִיךְ גֶעבֶּעטְן פוּן אִים אַ פּוֹיקֶער!.. אָבֶּער מַיין בְּרוּדֶער הָאט זִיךְ גֶע'עַקְשְׁנְ'ט, בַּיין! אִיךְ וִויל דִיר גֶעבְּן אַ טִיקֶעט צוּ קֶענֶען פָארְן קַיין אוּמַאן... אָבֶּער אִיךְ הַאלְט זִיךְ בַּיי דָאס מֵיינִיגֶע, אִיךְ דַארְף אַ פּוֹיקֶער!!

אַזוֹי אִיז גֶעגַאנְגֶען אַ וִיכּוּחַ אַהִין אוּן צוּרִיק, וֶוען מַיין טַאטֶע שְׁמֵייכְלְט זִיךְ אוּנְטֶער, וַוייל מַיין טַאטֶע הָאט שׁוֹין דַאן אוֹיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן אַבִּיסֶלֶע פַארְזוּכְן פוּן דֶעם גוּטְן וַויין.

שְׁפֶּעטֶער הָאט דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער גֶעפִירְט אַז אִיךְ בִּין אַרִיבֶּער לֶערְנֶען אִין אַן אַנְדֶערֶע תַּלְמוּד תּוֹרָה, וָואס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען סְפֶּעצִיעֶל פַארְבִּינְדְן מִיט אַ חֲסִידוּת, הָאט זִיךְ גֶעעֶפֶנְט פַאר מִיר אַ טוֹיעֶר צוּ קֶענֶען וֶוערְן מֶען נֶענְטֶער צוּם רֶבִּי'ן. מַיין טַאטֶע אִיז שׁוֹין גֶעפָארְן יֶענֶע יָאר קַיין אוּמַאן, אוּן הָאט מִיר מִיטְגֶענוּמֶען. דָאס אִיז גֶעוֶוען אַ יָאר פַאר מַיין בַּר מִצְוָה, אָבֶּער אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעהַאט קַיין אַנוּנְג וָואס מֶען טוּט דָארְט אִין אוּמַאן אֲפִילוּ אִיךְ הָאבּ טַאקֶע גֶעזָאגְט קַאלְטֶערְהֵייט דֶעם תִּיקוּן הַכְּלָלִי, הָאט אוּמַאן גֶעמֵיינְט פַאר מִיר "עֶסְן בַּיי שַׁיינֶער" "פּוּשְׁקִינֶא גַאס" א.ד.ג. וֶוען אִיךְ בִּין אַהֵיימְגֶעקוּמֶען הָאבּ אִיךְ נִישְׁט מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען מִיט חִפּוּשׂ אוּן בַּקָּשָׁה צוּ זוֹכְן בַּיים רֶבִּי'ן עֶפֶּעס וָואס קֶען הֶעלְפְן מַיין נְשָׁמָה.

אִיךְ הָאבּ דֶעמָאלְט גֶעהַאט אַ חַבֵר אִין חֵדֶר וָואס אִיז גֶעוֶוען אַ בְּרֶסְלֶבֶ'ער, עֶר פְלֶעגְט לֶערְנֶען סֵפֶר שִׁבְחֵי הָרַ"ן, עֶר הָאט גֶעהַאט אַ חַבְרוּתָא אַ אִינְגֶערְמַאן וָואס הָאט גֶעלֶערְנְט מִיט אִים דֶעם סֵפֶר, אִיךְ הָאבּ זִיךְ אוּנְטֶערְגֶעהֶערְט וִוי זֵיי לֶערְנֶען אוּן דָאס הָאט מִיר זֵייעֶר אָנְגֶעצוּנְדְן מַיין נְשָׁמָה, הָאט אִיךְ אוֹיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן לֶערְנֶען דִי עֶרְשְׁטֶע חֵלֶק פוּן שִׁבְחֵי הָרַ"ן, אִיךְ הָאבּ דָאס גוּט גֶע'חַזֶר'ט, אָבֶּער אִיךְ בִּין נָאךְ אַלְס גֶעוֶוען וַוייט פוּן מְקַיֵּים זַיין דֶעם רֶבִּי'נְס עֵצוֹת.

אַ יָאר שְׁפֶּעטֶער בִּין אִיךְ אַרַיין אִין יְשִׁיבָה קְטַנָּה, דָארְט אִיז גֶעוֶוען אַ בַּאהַאלְטֶענֶע חֲבוּרָה פוּן בְּרֶסְלֶבֶ'ער בַּחוּרִים, (אַ סוֹד פַאר גַאנְץ בְּרָאד..) דִי בְּרֶסְלֶבֶ'ע סְפָרִים אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען בַּאהַאלְטְן אִין יֶענֶע יְשִׁיבָה, (עַד מָתַי עֻזְּךָ בַּשֶּׁבִי...) דֶעמָאלְט הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן מֶער נֶענְטֶער וֶוערְן, אִיךְ בִּין דָארְט גֶעגַאנְגֶען מֶער צוּלִיבּ דֶעם וָואס אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אִין אוּמַאן אָבֶּער אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעוואוּסְט צְוִוישְׁן לִינְקְס אוּן רֶעכְטְס, וִויאַזוֹי אִיךְ נוּץ דֶעם רֶבִּי'נְס עֵצוֹת אוֹיף מַיין טָאג טֶעגְלִיכְן לֶעבְּן.

אַזוֹי הָאבּ אִיךְ מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען מִיט דִי חֲבוּרוֹת וָואס הָאט נָאךְ גֶעמֵיינְט בַּיי מִיר "רָאגַאלַאךְ פוּן בַּרְזֶל" אוּן טְרֶעפְן גוּטֶע חֲבֵרִים.. אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁפִּירְט אַ טְרוּקְנְקַייט צוּ דִי גַאנְצֶע חֲבוּרָה (זֶעט אוֹיס מַיין גַאֲוָה אִיז נָאךְ דֶעמָאלְט גֶעוֶוען אוֹיף אַ הוֹיכֶע שְׁטַאפְּל..)

אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן זוּכְן אַנְדֶערֶע מַשְׁפִּיעִים אוּן טִישְׁן פוּן אַנְדֶערֶע חֲסִידוּת אוּן גֶעטְרָאפְן עֶפֶּעס חִיוּת דָארְטְן אוֹיף בִּיזְדֶערְוֵוייל. אִיךְ פְלֶעג שְׁפַּאצִירְן צוּ דִי טִישְׁן אוּן אַהֵיימְגֶעקוּמֶען שַׁבָּת פַארְטָאגְס, אוּן דָאס הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן עֶפֶּעס לוּפְט פַאר מַיינֶע טְרוּקֶענֶע לוּנְגֶען וָואס אִיז טְרוּקְן גֶעוָוארְן פוּן אַזוֹיפִיל זוּכְן...

עַד מָתַי אַתֶּם פֹּסְחִים עַל שְׁתֵּי הַסְּעִפִּים

אִין יֶענֶע צַייט הָאט אִיךְ צוּרִיק אָנְגֶעהוֹיבְּן לֶערְנֶען סֵפֶר מְשִׁיבַת נֶפֶשׁ אוּן שִׂיחוֹת הָרַ"ן וָואס הָאט מִיר צוּרִיק בַּאנַייט מַיין קֶשֶׁר צוּם רֶבִּי'ן. דָארְט אִין יְשִׁיבָה קְטַנָּה הָאבּ אִיךְ גֶעהַאט אַ חַבֵר וָואס הָאט מִיר אָנְגֶעהוֹיבְּן מְשׁוּגָע מַאכְן וָואס אִיךְ זוּךְ אִין בְּרֶסְלֶב, עֶר הָאט מִיר גֶעמַאכְט גַאנְץ שְׁטַארְקֶע מְנִיעוֹת וַוייל פוּן אֵיין זַייט הָאט אִיךְ נִישְׁט גֶעהַאט אַן עֶקְסְטֶערֶע גֶעשְׁמַאק בַּיי דִי בְּרֶסְלֶבֶ'ע חֲבוּרוֹת וֶוען אִיךְ פְלֶעג גֵיין דָארְט הָאט דָאס גֶעמֵיינְט פַאר מִיר נָאר פָארְן אוֹיף נִסְיוֹנוֹת א.ד.ג אָבֶער אִיךְ הָאבּ נִישְׁט אַרוֹיסְגֶענוּמֶען דָאס עֶצֶם לִיכְטִיגְקֵייט פוּן דָארְט, אָבֶער דִי טִישְׁן הָאט מִיר גֶעמַאכְט לֶעבֶּעדִיג מִיט אַ בְּרֶען א.א. וו.

וֶוען מַיין חַבְרוּתָא הָאט מִיר אֲפִילוּ גֶענוּמֶען אִין אַ זַייט אוּן שְׁטְרֶענְג גֶעזָאגְט: "וּבָחַרְתָּ בַּחַיִּים" דוּ ווִילְסְט לֶעבְּן אָדֶער פַארְקֶערְט? דוּ וֵוייסְט אַז דוּ מַאכְסְט זִיךְ כַּלְיָא אוֹיף דוֹרוֹת אוֹיבּ דוּ גֵייסְט צוּ דִי בְּרֶסְלֶבֶ'ע? אַזוֹי הָאט עֶר גֶערֶעדְט נָאךְ שְׁטוּתִים וָואס אִיךְ גֶעדֶענְקְט שׁוֹין אֲפִילוּ נִישְׁט. דֶער חַבֵר הָאט מִיר אַזוֹי גוּט פַארְדְרֵייט מַיין קָאפּ אַז אִיךְ הָאבּ, יֶענֶעם לֵיל שִׁישִׁי גֶעפְּלַאנְט אִינְגַאנְצְן אָפְּצוּהַאקְן מִיט בְּרֶסְלֶב (לַיידֶער) אוּן אוֹיפְהֶערְן צוּ גֵיין צוּ דִי חֲבוּרוֹת אַלֶעס צוּלִיבּ דִי שְׁלֶעכְטֶע הַשְׁפָּעָה וָואס דֶער חַבְרוּתָא הָאט גֶעלָאזְט אוֹיף מִיר.

יֶענֶע נַאכְט וֶוען אִיךְ הָאבּ מִיךְ גֶעוַואקְלְט צְווִישְׁן יָא אוּן נֵיין, הָאבּ אִיךְ גֶעטְרַאכְט צוּ מִיר לָאמִיר גֵיין צוּ דִי חֲבוּרוֹת נָאךְ אֵיין מָאל פַאר אִיךְ גֶעבּ אִינְגַאנְצְן אוֹיף...

דִי סֵדֶר בַּיי דִי חֲבוּרוֹת אִיז גֶעוֶוען אַז אֵיינְמָאל אִין חֹדֶשׁ אִיז אוֹיסְגֶעקוּמֶען פַאר יֶעדֶע חֲבוּרָה צוּ פָארְן אִין פֶעלְד, זִיךְ קֶענֶען מִתְבּוֹדֵד זַיין חוּץ לְיִשׁוּב, צְווִישְׁן דִי בֵּיימֶער אוּן גְרֶעזֶעלֶעךְ וואוּ דֶער שֶׁקֶר פוּן דֶער וֶועלְט קוּמְט נִישְׁט אַזוֹי שְׁנֶעל אָן אוּן טְרֶעפְט נִישְׁט דָארְט קַיין אוֹיבְנָאן, יֶענֶעם נַאכְט הָאט מַיין חֲבוּרָה גֶעדַארְפְט פָארְן אִין פֶעלְד מִיט אַ טֶענְדֶער, מַיין רֹאשׁ הַחֲבוּרָה אִיז יֶענֶעם לֵיל שִׁישִׁי גֶעוֶוען אוֹיף אַ חֲתוּנָה אִיז עֶר נִישְׁט אָנְגֶעקוּמֶען, הָאט מֶען צַאמְגֶעשְׁטֶעלְט דִי חֲבוּרָה מִיט אַן אַנְדֶערְן חֲבוּרָה פוּן אָן אַנְדֶערְן שִׁיעוּר - דָארְט אִיז גֶעוֶוען דֶער רֹאשׁ הַחֲבוּרָה, אַ אִיד וָואס נָאר קוּקְן אוֹיף זַיין וַוארִימֶע שְׁמֵייכְל וֶוערְט דִי נְשָׁמָה צוּגָאסְן אוּן עֶס רִינְט גְלַייךְ אַרוֹיס דִיבּוּרִים צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן - הָאבְּן דִי צְוֵויי חֲבוּרוֹת זִיךְ צַאמְגֶעשְׁטֶעלְט אוּן גֶעפָארְן אִינְאֵיינֶעם מְקַיֵים זַיין דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'נְס עֵצָה.

דֶער רֹאשׁ הַחֲבוּרָה הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן פַארְצֵיילְן דִי מַעֲשֶׂה פוּן ר' פִּנְחָס קִיבְּלִיטְשְׁער עָלָיו הַשָּׁלוֹם, דֶער גָאר גוּטֶער עֶרְלִיכֶער מְלַמֵד פוּן קִיבְּלִיטְשׁ וָואס אַלֶע עֶלְטֶערְן הָאבְּן זִיךְ גֶעבֶּעטְן בַּיי אִים אַרַיינְצוּנֶעמֶען זַייעֶרֶע קִינְדֶער אִין זַיין כִּתָּה, אָבֶער שְׁפֶּעטֶער וֶוען זֵיי זֶענֶען גֶעוָוארְן גֶעוָוארְן אַז דֶער אוֹיסְגֶעצֵייכְנֶעטֶער מְלַמֵד אִיז גָאר אַ בְּרֶסְלֶבֶ'עֶר... הָאבְּן לַיידֶער עֶטְלִיכֶע עֶלְטֶערְן אִים גֶעוָואלְט אוּמְבְּרֶענְגֶ...

וֶוען ר' פִּנְחָס הָאט פַארְצֵיילְט פַאר דִי תַּלְמִידִים אַז דִי עֶלְטֶערְן זַייעֶרֶע זֶענֶען אוֹיפְגֶעבְּרוֹיזְט אוֹיף אִים, הָאט עֶר זֵיי גֶעזָאגְט: "קִינְדֶער אִיךְ גֶעבּ אַייךְ דִי בְּחִירָה אוֹיבּ עֶנְק ווִילְן קֶענֶען עֶנְק וַוייטֶער בְּלַייבְּן בַּיי מִיר אִין חֶדֶר אוּן בַּאקוּמֶען דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן עֵצוֹת, וָואס וֶועט אַייךְ הֶעלְפְן אוֹיף דֶער וֶועלְט

לאמיר זיך פאר הערן

# בחינה אויף ספורי מעשיות
# די צענטע מעשה (4)
# דער בערגיר מיט'ן ארימאן



נתנדב ע"י ר' **יעקב דוד רוטנבערג**
ור' **יצחק וועבערמאן** ובנו ר' **פנחס דוד**
לרגל הולדת בנו / נכדם
יהי רצון שיזכו לראות רוב נחת דקדושה,
מכל יוצ"ח בזכות רבינו הקדוש.

**א. וואס האט די טאכטער פון קיסר געענטפערט פאר דער ערשטער קעניג?**
- ❑ זי האט אים גרעשריבן אז זי איז זיך משדך מיט אים
- ❑ זי האט אים געשריבן אז זי איז זיך נישט משדך מיט אים ווייל די וואסערן זענען נישט לויטן ריכטיגן סדר
- ❑ זי האט אים געזאגט אז זי וועט נישט גלייבן ביז ווען זי זעט די כתב אליין

**ב. וואס האט די טאכטער פון קיסר געענטפערט פאר דעם צווייטן קעניג?**
- ❑ זי האט אים גרעשריבן אז זי איז זיך משדך מיט אים
- ❑ זי האט אים געפרעגט פון וואו ווייסט דער ערשטער קעניג
- ❑ זי האט אים געזאגט אז זי וועט נישט גלייבן ביז ווען זי זעט די כתב אליין

**ג. וואס האט געטוהן דער זוהן פון בערגיר נאכדעם וואס דער צווייטער קיסר האט אים פארשיקט?**
- ❑ ער איז געגאנגען צו א דריטער קעניג און אים איבערגעגבן די סימנים
- ❑ ער איז געגאנגען צו א דריטער קעניג און אים איבערגעגבן נאכמער סימנים
- ❑ ער איז צוריק געגאנגען צום ערשטן קעניג און אים איבערגעגבן נאכמער סימנים

**ד. וואס נאך האט דער זון פון בערגיר דערציילט פאר'ן דריטן קיסר?**
- ❑ אז ער האט געהאט א כתב וואס ס'איז געווען אויסגעמאלט אלע פלעצער
- ❑ אז ער זאל זאך אויס מאלן אויף א פאפיר די זיבן וואסערן און זאל איר עס ברענגן
- ❑ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ה. וואס האט די טאכטער פון קיסר געענטפערט פאר'ן דריטן קעניג וואס האט איר געוויזן די כתב וואס ער האט נאכגעמאלען די זיבן וואסערן?**
- ❑ זי האט אים געשריבן אז זי איז זיך משדך מיט אים
- ❑ זי האט אים געזאגט אז זי איז שוין משודך מיט דער פריעדיגער קעניג
- ❑ זי האט אים געזאגט אז זי וועט נישט גלייבן ביז מען וועט איר ברענגען איר אייגן כתב אליין

**ו. ווען דער זון פון בערגיר איז געקומען וואס האט אים די טאכטער פון קיסר געענטפערט?**
- ❑ אז זי איז זיך משדך מיט אים
- ❑ זי האט נישט געוואלט קוקן אויף קיין סימנים ביז מ'וועט איר ברענגען די כתב פון איר האנט אליין

**ז. וואו אהין איז דער זון פון בערגיר נאכדעם געגאנגען?**
- ❑ צו מדבריות
- ❑ צו די מדבר וואס ער איז פריער דארט געווען
- ❑ ער איז געבליבן אויף זיין פלאץ

**ח. פארוואס האט דער רוצח געוואלט כאפן די בת קיסר?**
- ❑ כדי איר צו פארקויפן און נעמען פאר זיך די געלט
- ❑ כדי זיך מיט איר משדך זיין
- ❑ כדי איר צו הרג'נען

**ט. וועלכע מין סארט פייגאלאך האט דער רוצח געמאכט?**
- ❑ פון גאלד
- ❑ פון קופער
- ❑ פון זילבער

**י. וואס האט געמאכט די פייגאלאך זינגען?**
- ❑ מ'האט זיי אויס געלערנט צו זינגען
- ❑ עס זענען געווען מענטשן פארשטעלט אזוי ווי פייגעלעך
- ❑ מענטשן וואס זענען געשטאנען אין א צימער אונטער דעם, האבן עס געמאכט מיט דראטן

**יא. וואו האט זיך דער רוצח געשטעלט מיט זיין שיף?**
- ❑ אין טייך
- ❑ אין גרעניץ
- ❑ אין ים

**יב. האט דער רוצח מסכים געווען צו קומען פארקויפן זיין סחורה צו די בת קיסר?**
- ❑ יא
- ❑ ניין
- ❑ נאר די ערשטע מאל

**יג. וואס האט דער סוחר געזאגט פאר די טאכטער פון קיסר ווען זי איז געקומען קויפן סחורה?**
- ❑ אז ביים קומעדיגע מאל וועל איך יא קומען צו דיר פארקויפן די סחורה
- ❑ אז דו וועסט נאכאמאל קומען וועל איך דיר ווייזן נאך שענערע זאכן
- ❑ אז דו וועסט נאכאמאל קומען וועל איך דיר פארקויפן פאר ביליגער

**יד. וויפיל מאל איז די בת קיסר אריין אין שיף פונעם רוצח?**
- ❑ צוויי מאל
- ❑ צוונציג מאל
- ❑ זי פלעגט אפט אריין גיין

**טו. וואס לערנסטו זיך דערוויל ארויס פון די מעשה?**
- ❑ אז עס איז נישטא קיין יאוש
- ❑ נישט צו האנדלען מיט רוצחים
- ❑ ______________________________.

צו ענטפערן די
בחינות און אריינגיין
אינעם גורל,

02-5-3333-72

646-518-1095

1-518-329-9149

*מיין מעשה'לע המשך*

אוּן אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט לְנֶצַח נְצָחִים, אָבֶּער וֶוער עֶס שְׁפִּירְט אַז עֶר קֶען נִישְׁט בַּיישְׁטֵיין דֶעם נִסָּיוֹן, קֶען אַהֵיימְגֵיין אוּן זוּכְן אַן אַנְדֶערֶער מְלַמֵּד.

אוּן טַאקֶע דִי אַלֶע אִינְגֶעלֶעך וָואס הָאבְּן גֶעהַאט סְפֵּיקוֹת זֶענֶען לַיידֶער... אָבֶּער דִי אַלֶע וָואס הָאבּ מַסְכִּים גֶעוֶוען אוּן גֶעשְׁפִּירְט אַז דָא אִיז מַיין פְּלַאץ, פֹּה אֵשֵׁב, דָא אִיז מַיין לֶעבְּן! הָאבְּן זֵייעֶר שֵׁיין מַצְלִיחַ גֶעוֶוען אוּן נִתְקָרֵב גֶעוָוארְן צוּם אֶמֶת'ן אוֹר.

אַזוֹי הָאט דֶער רֹאשׁ הַחֲבוּרָה אוֹיסְגֶעפִירְט אִינֶעם טוּנְקְל יְרוּשָׁלַיִמֶ'ער וֶועלְדְ'ל: "טַייעֶרֶע בָּחוּרִים! וֶוער וִויל בְּלַייבְּן בַּיים רֶבִּי'ן? וֶוער וִויל לֶערְנֶען דֶעם רֶבִּי'נְס עֵצוֹת טְרָאץ וָואס עֶס בּוּדְשֶׁעוֶועט מְנִיעוֹת מִבַּיִת וּמִחוּץ, וֶוער מַאכְט הַיינְט אָפּ אַז דָא בַּיים רֶבִּי'ן בְּלַייבְּט עֶר אַ תַּלְמִיד?!"

דָאס זֶענֶען פּוּנְקְט דִי זֶעלְבֶּע וֶוערְטֶער וָואס דֶער חַבֶר הָאט גֶעזָאגְט אוֹיף דֶער פַּארְקֶערְטֶער וֶועג. אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁפִּירְט אַזוֹי וִוי דִבְרֵי נְבוּאָה רֶעדְט אַרַיין צוּ מַיין הַארְץ אוּן נְשָׁמָה. מַיין חַבֶר אִיז אַ מַסִּית וּמַדִּיחַ!

יָא! פֹּה אֵשֵׁב, הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיךְ בְּלֵייבּ וואוֹינֶען אִין דַיין חֵדֶר, אִין דַיין שׁוּל, נִישְׁט קַיין חִילוּק וואוּ אוֹיף דֶער וֶועלְט אִיךְ וֶועל זִיךְ גֶעפִינֶען, יָא חֲבֵרִים נִישְׁט חֲבֵרִים, אִיךְ בּוֹי אוֹיף אַ יְשִׁיבָה אִין מַיין הַארְץ, דָארְט גֵייט דֶער רֶבִּי וואוֹינֶען... אוּן אַזוֹי בִּין אִיךְ אַרַיינְגֶעלָאפְן צְוִוישְׁן דִי בֵּיימֶער אוּן אוֹיסְגֶעפְּלַאצְט אִין אַ גֶעוֵויין פוּן הָאפֶענוּנְג, דָאס אִיז דָאס! עֶס אִינְטֶערֶעסִירְט מִיר נִישְׁט מַיין חַבֶר, (עֶר פַּארוּפְט זִיךְ גָאר מַיין חַבֶר...) דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר קְלָאר גֶעגֶעבְּן אַ תְּשׁוּבָה אוֹיף אַלֶע מַיינֶע שְׁאֵלוֹת.

**אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁרִיגְן צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן: "דָא בְּלֵייבּ אִיךְ! דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז מַיין רֶבִּי לָנֶצַח לִנְצָחִים!!"**